# אין וואַלד




אלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

13/3361ש

13/3361 (2)
U1-B1398

טעקסט
ל. קוויטקאָ

צייכענונגען
י. ריבאַק

# אין וואַלד

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פאַרלאַג „שוועלן"

Printed in Germany

איצי פּיטשעריצי
רופֿט צו זיך די קיצי:

– קיצי־קעצל, שלאָפֿן באַלד,
פֿאָרן מאָרגן מיר אין וואַלד
צו מיין זיידן דודי העשל,
צו מיין באָבען אודי קרעסל.
דאָרטן ווייַנשל אויפֿן דאַך,
בינען־שטאָקן – אַך־אַך־אַך!

איצי פּיטשעריצי
שלאָפֿט שוין, און די קיצי.

חָלומט זיך אים, אָט ער פֿאָרט
אויף אַ הונט אַזאַ, אַ כאָרט,
פֿאָרט אין וואַלד, אינמיטן דרינען
און דער כאָרט ווערט גאָר אַנטרינען,
גלייך ווי קיינמאָל ניט געווען.
און נאָר איצי איין־אַליין
אַזוי קליין
אין אַ וואַלד אַזאַ גוואַלדאָוונעם!

פֿויגלען שרייען – שראַרירעק,
צווישן גראָזן – טאַק און טעק.
ערגעץ הילכט מען – העפּ! העפּ!
בוימער ברומען מיט די קעפּ.

פֿאַלט אויף איצין אָן אַ שרעק:
– זיידע דודי! באָבע אודי!
אַ־ה־ה־ה־אַ־אַ־אַ־אַ...



פלוצים, אוי! – אַ פוקס איז דאָ!
און דער פוקס:
– איצי פּיטשעריצי,
ווילסט אַהיים צו קיצי,
זעץ אויף מיר זיך, האַלט מיין עק,
טראָג איך דיך אַהיים אַוועק!

זעצט זיך איצי, האַלט זיך צו,
פוקס צעלאָזט זיך – או־או־או!
באָקעס, בּוימער, בּערן – בּו!
שמאָכטעלייעס, סטעפּעס, סטויגן,
ווינט וויל אויסרייסן די אויגן,
אין די אויערן
בּויערן, בּויערן!

בּיז דער פוקס אַ שטעל זיך אָפּ
און אַ שאָקל מיטן קאָפּ:
– זעהסטו, איצי פּיטשעריצי!

ט׳איז דיין היים און ט׳איז דיין קיצי,
נו, אַראָפּ! זאָג אַ דאַנק!
איך פאַרהאַלט זיך דאָ ניט לאַנג!



איצי טוט אַ קוק —— דערשרעקט זיך!
און דערשרעקט זיך און ער עקט זיך!
ביט אין דר׳היים איז ער –

## אין וואַלד!

און וואָס זעהט ער! –

## אוי, גוואַלד!...

ווילדע חיות אים אַקעגן
פון צעווישן הינטערוועגן!

שטיל, אַ טיגער – פייער אויגן –
זיך צו וואַרפן צוגעבויגן.
צײַנער בליאַסקען. שטילערהייט
רוקט זיך, רוקט זיך, ר׳מאַכט זיך גרייט!



און פון צווייטער זייט אַ לייב
קעגן איצין זיך אַ הויב!
מעכטיג, ליכטיג און דערהויבן,

קאָפּ באַוואַקסן און צעשויבערט,
טוט אַ רעווע, פּלוצים ברומט
אַזש דער וואַלד אין שרעק פאַרשטומט!



און אַ וואָלף — אויגן בליצן
דאָרשטיג׳ הונגעריג און גרין׳
פיסק און אויערן אָנגעשפּיצטע

אויף אַ יאָג טון — פלינק!
דרייט זיך׳ רוהט ניט; רוהט ניט׳ דרייט זיך —
גרייט זיך!



און פון אונטן קומט אָן שווער,
שווער און בעריש קומט אַ בער.
אָנגעפעלצט אין וואַרמען פוטער,

דוכט זיך, גאָר אַזוי אַ גוטער,
נאָר די אויגן – פינטלאַך צוויי –
פינסטער, בלינד —— אוי, זוכן זיי!



פלוצים גאָר — אַ בוים צעוויגט זיך!
שאָקלט, פּאָטלט מיט דעם קאָפּ:
ס'לאָזט אַ מאַלפּע זיך אַראָפּ.
צוויי פּאָר הענט און מענשן־אויערן
און מיט עק אַן אומגעהויערן
און איר אויסזעהן: האָריג, ווילד,
נאָר כמעט אַ קענטליך בילד!



און פון אונטער אים – ניט טריט,
נאָר סע וואַרפט זיך און סע זידט,
דרייט זיך, קנוילט זיך, ציהט זיך לאַנג,
שלאַנגלט, שלענגלט זיך אַ שלאַנג,
גלאַנצט און דרייט זיך רינג אין רינגל,
שטעקט אַרויס איר גיפטיג צינגל.

אַלע חיות, אָט אָ די,
דוכט זיך איצין
פּיטשעריצין
אָט אָ טוען זיי אַ פליה
און מיט ברומען, טראַראַראַכן
און פון אים אַ סוף צו מאַכן!
ציטערט אין אים דאָס געביין,
שיסט ער אויס אַזאַ געוויין!...



פלוצים טוט אַ שמאָר פון אונטן
און סע כאַפּט אַרום אים שטאַרק,
און אַ הויב אים אין דער לופטן,
און ער זיצט ווי אויף אַ באַרג!

אַך, ס'איז עלפאַנט, עלפאַנט ליבער,
מיט זיין נאָניע – אָט אַ גבור –
איצין אויפגעזעצט אויף זיך,
און ער טראָגט אים ניט גאָר גיך.



פרייט ער זיך שוין, איצי,
שאָקלט מיטן קאָפּ.
און די ווילדע חיות
טרעטן פאַר אים אָפּ.

טראָגט אים עלפאַנט גיט דורך וועגן,
קומען גוטע אים אַנקעגן:
הערשל שטאַלטנער, שלאַנקער הערש
בליצט גיך דורך: שאַרש־שירש־שערש.



אַ זשיראַף

אַ שיינער,

פיינער

שפיצט זיך אויף

און הערט זיך איינעט.



זעברעס פריילעך, לוסטיג, שיין,
יאָגן נאָך זיך איינס נאָך איינס.

און אַ נאָזהאָרן אויף פּאַשע





און קאָנגורעכעס מיט טאַשן –
אַלע גריסן זיי זיך איצין,
איצין, איצין, פֿיטשעריצין –
און זיי לויפֿן אים פֿאַרבײַ.

אַז צום סוף פֿון וואַלד געקומען,
האָט דער עלפֿאַנט אים גענומען
און געטאָן אים אַזאַ שפּײַ...
איז געפֿלויגן ער, געפֿלויגן
און אַ פֿאַל געטאָן ווי בלײַ!
האָט ער אויפֿגעכאַפּט די אויגן,
אָט דער איצי פֿיטשעריצי,
און דערזעהן זיך מיט קיצין
גאָר אין בעט!...

VERLAG „SCHWELLEN“ G.M.B.H.
BERLIN-CHARLOTTENBURG, KANTSTR. 68

PRESSE: DR. SELLE & CO. A.-G.
BERLIN SW. 29

